פרשת ויחי
שנת תשפ"ה

גליון י"ד

# בהיכלא דמלכא

א טויער צום היכל
פונעם דרך החסידות

מתוך שיעוריו ושיחותיו של **האדמו"ר מקאסוב זצ"ל**

## שכל אנושי און שכל העליון (ג)

### ביטול צום שכל העליון קומט דורך די תורה הקדושה

א מענטשליכער שכל איז גארנישט ווערד | **וויאזוי קענען מיר אויסאיידלען אונזער שכל צו ווערן א געטליכער שכל** | די תוה"ק איז כביכול דער 'בלו פרינט' פאר די בריאה | **אפילו דער גרעסטער מומחה קען נישט בויען קעגן דעם 'בלו-פרינט'** | די תורה איז נישט באגרעניצט צו גשמיות | **דער אויבערשטער האט געגעבן די תורה דווקא פאר מענטשן מיט א יצר הרע** | תורה איז כביכול מחשבתו של הקב"ה | **מתן תורה האט געברענגט דעם אור פון ביטול אויף דער וועלט** | דורך ביטול זענען מיר זיך מקשר צום שכל אלוקי | **דורכן טראכטן מיטן געטליכער שכל קען מען ברעכן דעם טבע** | דורך לימוד התורה מיט אמת'ער ביטול קען מען פראווען מופתים | **דער שליסל צום שכל העליון איז די תורה הקדושה**

## ארויפארבעטן דעם מענטשליכער שכל צום געטליכער מדריגה

### דער הויפט שליסל צו גרייכן שכל אלוקי

מיר האבן שוין אויסגעשמועסט אין די פריערדיגע גליונות ווי נישטיג דער פשוט'ער שכל איז, און אז דער אמת'ער שכל איז דער געטליכער שכל וואס ליגט באהאלטן אין יעדן מענטש. מיר האבן אויך מסביר געווען אז ווען א מענטש איז זיך מדבק מיט'ן "שכל העליון", דאן קומט ער אן צום ריכטיגן אומבאגרעניצטן שכל וואס איז בכלל נישט אנגעוויזן אינעם "דרך הטבע", ווייל דאס איז דער העכערער כוח אלוקות פונעם אויבערשטן אליין, וואס ער האט באשאפן די גאנצע בריאה.

נאכ'ן דאס דורכטון בעיון אין די פאראנגאנגענע וואכן, קומען מיר אן צו דער הויפט שאלה: **וויאזוי קען א מענטש ארויפארבעטן זיין שכל אנושי און עס ארויפברענגען צו א מצב פון שכל אלוקי?** וויאזוי קען א מענטש ארויסברענגען אין זיך דעם געטליכן שכל וואס איז באהאלטן אין אים, און אנשטאט אנצוקוקן די וועלט מיט זיין פשוט'ן מענטשליכן שכל, זאל ער אנטדעקן די טיפע געטליכקייט וואס איז באהאלטן אין דער בריאה?

לאמיר יעצט אביסל דורכטון דעם הויפט מהלך וויאזוי מען קומט אן צו ביטול, וואס דאס איז דורך לימוד התורה. און כאטש וואס עס זענען בעצם דא נאך מהלכים וויאזוי ארויפצוברענגען דעם מענטשליכן שכל צו א שכל אלוקי, איז אבער דער ערשטער און וויכטיגסטער שליסל לימוד התורה.

לאמיר פארשטיין פארוואס די תורה הקדושה איז דער ערשטער מהלך וויאזוי אויסצוארבעטן דעם שכל און עס ארויפברענגען צו דער מדריגה פון שכל אלוקי.

### מען מוז בויען לויט'ן פלאן פונעם ארכיטעקט

ווען א מענטש בויט א בנין דארף ער אריינלייגן אסאך צייט, מוח און מחשבה אויסצופלאנירן די געביידע, איידער ער שטעלט אראפ די ארבעטער אויף דער סצענע. איינמאל עס איז דא די צייכענונג, דער בלו-פרינט, נעמט מען זיך צו דער עבודה אהערצושטעלן די געביידע לויט ווי ס'איז אפגעצייכנט געווארן אויפ'ן פאפיר פון פאראויס.

**אויב אן ארבעטער וועט וועלן טון אנדערש ווי דעם בלו-פרינט, וועט מען אים גלייך אפזאגן, ווייל מען מוז זיך צושטעלן און אויספאלגן דעם "פלאן" וואס דער ארכיטעקט האט זיך פון אנפאנג אן אויסגעשטעלט.**

אויב אן ארבעטער וועט וועלן טון אנדערש ווי דעם בלו-פרינט, וועט מען אים גלייך אפזאגן, ווייל **אפילו א גאר געניטער בוי-מייסטער**, זאל ער זיין דער גרעסטער עקספערט אין זיין פאך, **מוז זיך צושטעלן און אויספאלגן דעם "פלאן"** וואס דער ארכיטעקט האט זיך פון אנפאנג אן אויסגעשטעלט.

אן ארבעטער קען קלערן צו זיך: איך האב זייער א גוטע הבנה וויאזוי אויסצושטעלן די צימערן, הערליך שיין מיט א וואונדערליכן סדר. פארוואס קומט מען דא מיט עפעס א נאריש שטיקל פאפיר און מען טיילט מיר איין דעות; בוי אזוי, לייג אזוי?!

ס'איז אבער פשוט אז אזעלכע דיבורים זענען אפגעפרעגט מלכתחילה. דער ארבעטער רעדט זיך נעבעך איין אז ער שטייט קעגן א פשוט שטיקל פאפיר, און ער הייבט ניטאמאל אן צו כאפן אז אויף'ן 'פאפיר' וואס דער ארכיטעקט האט אויסגעשטעלט ליגן הויפנס מחשבה און כוחות, וואס דער ארכיטעקט האט אריינגעלייגט אין דעם בלו-פרינט.

**דער פלאן איז נישט סתם א פלאן,** געמאכט דורך עפעס אבי ווער, נאר עס איז געווארן אויסגעפלאנט ספעציעל דורכ'ן ארכיטעקט וועלכער האט אויספלאנירט די געביידע מיט אלע פרטים. און ווען מען ווייסט וויאזוי עס אפצולערנען און מען פארשטייט עס טאקע ריכטיג, דאן ווערט מען באהאפטן צום שכל פונעם ארכיטעקט.

דאס איז דאך די גאנצע מטרה פון צייכענען א בלו-פרינט, אז די ארבעטער זאלן דורכאויס דער גאנצער ארבעט קענען זען פאר די אויגן די פינקטליכע אנווייזונגען וויאזוי צו בויען די געביידע אויפ'ן בעסטן אופן. בקיצור, דער בלו-פרינט מיט'ן ארכיטעקט פון דעם פראיעקט זענען איינס. דאס איז טאקע נישט מער ווי א פשוט שטיקל פאפיר, אבער דאס איז זיין שכל, זיין מהלך מחשבה. **און ווען מען באהעפט זיך צו זיין פארשריפט, באהעפט מען זיך צו אים.**

## זיך מדבק זיין אין כביכול'ס מחשבה דורך דער תורה הקדושה

אין זוהר הקדוש (פרשת תרומה קסא.) שטייט אז ביי בריאת העולם האט דער אויבערשטער געקוקט אין דער תורה הקדושה און אזוי באשאפן די וועלט. די תורה הקדושה ווערט אנגערופן **מחשבתו של הקדוש ברוך הוא, כביכול דעם אויבערשטנ'ס מחשבה**. ווי ווייט דאס איז אונז מעגליך צו פארשטיין, האט דער אויבערשטער כביכול איידער בריאת העולם "אויספלאנירט" א וועלט, מיט א ציל אז ער וויל האבן אויף דער וועלט ארבעטער וואס זאלן אים דינען. און זיין "מחשבה" – דאס איז די תורה הקדושה, וואס מיט דעם האט ער אויסגעשטעלט די וועלט (ספר יצירה פ"ב, זוהר ח"א רד. וח"ג רמה.).

עס לאזט זיך אליין פארשטיין, אז ווען מיר רעדן פון א מחשבה פון אן ארכיטעקט א בשר ודם, וואס זיין שכל איז אויך באגרעניצט פונקט ווי ביי יעדן אנדערן בשר ודם; אפילו ער שטעלט אויס א פלאן, קען נאך קומען א צווייטער ארכיטעקט און דאס בעסער פלאנירן. אבער ווען מיר רעדן כביכול פון מחשבתו של הקב"ה, איז דאס דער העכסטער, בעסטער, שטארקסטער פלאן וואס איז נאר שייך במציאות.

און פונקט ווי יעדער פארשטייט אז א בלו-פרינט איז נישט סתם א שטיקל פאפיר, נאר דאס איז דער ארכיטעקט אליין – אזוי באקומען מיר אויך א שטיקל השגה ווי ווייט די תורה הקדושה איז ממש איינס מיט'ן רבונו של עולם אליין. דאס איז וואס חז"ל זאגן, אז "אנכי", דאס ערשטעווארט פון די עשרת הדברות, איז ראשי תיבות א'נא נ'פשי כ'תבית י'הבית – **דער רבונו של עולם האט כביכול "זיך אליין" אריינגעלייגט** אין דעם כתב פון דער תורה הקדושה (ראה זוהר הקדוש ויקרא עג.).

א איד וואס לערנט תורה, און ער ווייסט וויאזוי מ'דארף צו לערנען די תורה הקדושה, דהיינו אז ער לערנט די תורה מיט קדושה וטהרה, אזוויו עס ווערט געברענגט אין די חסידישע ספרים (זע יושר דברי אמת אות ח), ווערט ער מיט דעם באהאפטן צום רבונו של עולם אליין. ווייל די מחשבה מיט'ן 'ארכיטעקט' זענען איינס.

**דער פלאן איז נישט סתם א פלאן, נאר עס איז געווארן אויספלאנירט ספעציעל דורכ'ן ארכיטעקט וועלכער האט אויסגעפלאנט די געביידע מיט אלע פרטים.**

ב

# לערנען די תורה הקדושה, מיט א העכערן באגריף

## דורך לימוד התורה אײדלט זיך דער שכל אויס

אין דער תורה הקדושה ליגט א געוואלדיגע עמקות און אן אויסטערלישע קדושה, וואס א מענטש קען נישט משיג זיין. אינ'אמת'ן גערעדט איז יעדער "קוצו של יוד" פון דער תורה א שטיק געטליכקייט, וואס מ'קען דרש'ענען אויף דעם תילי תילי הלכות אן קיין גבול און אן קיין סוף (מנחות כט:).

ווער עס לייגט אריין זיין מחשבה אין דער תורה, קען שווימען אינעם ענדלאזן ים התלמוד און קיינמאל נישט פארטיג ווערן. ער וועט כסדר אנטדעקן נייע מורא'דיגע חידושים, וואס ער האט נאך אין זיין לעבן נישט געהערט. אבער אויסער דער טיפקייט וואס מיר זעען און פארשטייען אין דער תורה אליין, באקומט מען מיט יעדן ווארט תורה אלץ העכערע און נייערע השגות אין דער גדלות פונעם אויבערשטן, ווייל דער באשעפער האט דאך כביכול אריינגעלייגט זיין הייליגע מחשבה אין דער תורה הקדושה.

וואס מער מיר פארטיפן זיך אין דער תורה הקדושה – מיט יעדן פרישן חידוש, מיט יעדער קשיא און מיט יעדן תירוץ, ווערט דער מענטשליכער פארגרעבטער שכל אלץ מער אויסגעאיידלט און אלץ מער אויסגערישט מיט די ריכטיגע כלים צו טראכטן ווי א געטליכן שכל, וואס דאס איז דער אמת'ער טיפער שכל וואס ליגט באהאלטן אין אונז. ווען א איד פלאגט זיך און הארעוועט אין לערנען, ער מוטשעט זיך צו פארשטיין דאס לערנען, צי זאל עס זיין תורה שבכתב, הוויות דאביי ורבא אדער סוגיות אין הלכה, טוט ער זיך פארבינדן מיט'ן געטליכן שכל, און דאס באגלייט אים וואו אימער ער גייט.

## די תורה איז דער וועג אנצוקומען צו ביטול

מען דארף אבער גוט אין אכט נעמען, אז דאס איז נאר ווען איינער לערנט טאקע די תורה כדי עס זאל זיין ללמוד על מנת לעשות, ער לערנט עס ווייל ער וויל פארשטיין און ארויסהאבן דעם רצון הבורא. אויב איינער לערנט בלויז ווייל ער וויל קלוגער ווערן, טוט ער גאר חלילה אראפברענגען די געטליכע חכמה פון דער תורה הקדושה צו זיין מענטשליכער אויבערפלעכליכער מדריגה אין שכל. **ביים לערנען דארפן מיר טון פונקט פארקערט:** מבטל זיין אונזער שכל צום שכל אלוקי, און שטרעבן צו פארשטיין וואס מער.

די גמרא דערציילט אונז (שבת פח:) אז ווען דער אויבערשטער האט געוואלט געבן די תורה פאר כלל ישראל, האבן די מלאכים אין הימל גע'טענה'ט צום רבונו של עולם: מָה אֱנוֹשׁ כִּי תִזְכְּרֶנּוּ?! וואס עפעס זאלן גשמיות'דיגע מענטשן, פון בלוט און פלייש, באקומען אזא הייליגע כְּלִי חֶמְדָּה, וואס איז א שטיק רוחניות'דיגער פייער, כביכול מחשבתו של הקב"ה אליין?! און דער אויבערשטער האט געהייסן משה רבינו זיי ענטפערן און אויפווייזן אז דאס קומט זיך **דווקא נאר פאר מענטשן, בשר ודם'ס, וואס האבן א יצר הרע,** ווייל דאס איז דאס איינציגע געווער מלחמה צו האלטן און בייצוקומען דעם יצר הרע.

די תורה הקדושה האט דער אויבערשטער בכוונה תחילה געוואלט געבן פאר די מענטשן, טאקע ווייל ער האט אונז אריינגעלייגט אין אזא נידריגער וועלט, וואס איז כל כולה גשמיות, און ער וויל אז דא אין דער וועלט זאלן מיר מבטל זיין דעם גשמיות'דיגן רצון זיך צו באהעפטן אין זיין געטליכן ווילן. דערפאר האט ער אונז געגעבן דעם ריכטיגן מיטל און וועג וויאזוי זיך צו קענען באהעפטן צו אים: דורכ'ן לערנען זיין תורה הקדושה (קידושין ל:, ראה תפארת שלמה פרשת מקץ ד"ה כי לולא).

דאס זאגט די משנה אין אבות (ג יד): חֲבִיבִין יִשְׂרָאֵל, שֶׁנִּתַּן לָהֶם כְּלִי חֶמְדָּה – ווי באליבט זענען די אידישע קינדער ביים אויבערשטן אז ער האט זיי געשאנקען זיין "גלוסטיגע כלי" וואס ער האט זיך כביכול אליין אריינגעלייגט אין דעם.

ביים לערנען תורה זענען מיר זיך מבטל צום באשעפער, ווייל יעדעס מאל וואס מיר לערנען א הלכה ווילן מיר דערגיין וואס דער אויבערשטער וויל אז מיר זאלן טון, נישט וואס אונזער הארץ גלוסט. מיר ניצן דעם שכל כדי ארויסצוהאבן דעם טיפן רצון וואס דער אויבערשטער האט געהאט ביים באשאפן די וועלט, אז מיר, פשוט'ע מענטשן, זאלן נעמען אונזער פיזישן גוף און אים מאכן אלס א כלי צו טון דעם רצון הבורא.

## די הלכה איז אזוי, ווייל דאס איז דער שכל אלוקי

א איד וואס לערנט תורה איז זוכה זיך ממש צו באהעפטן מיט דער "מחשבה" פונעם אויבערשטן אליין! אזוי ווי דער הייליגער תניא (פ"ה)

**פונקט ווי יעדער פארשטייט אז א בלו-פרינט איז נישט סתם א שטיקל פאפיר, נאר דאס איז דער ארכיטעקט אליין , פארשטייען מיר ווי ווייט די תורה הקדושה איז ממש אײנס מיט'ן רבונו של עולם אליין.**

> **וואס מער מיר פארטיפן זיך אין דער תורה הקדושה, אלץ מער אויסגעאיידלט און אלץ מער אויסגעגרישט ווערט אונזער מענטשליכער שכל מיט די ריכטיגע כלים צו טראכטן מיט'ן שכל אלוקי.**

שרייבט, אז א איד וואס איז זוכה מחדש צו זיין א חידוש אדער צו פסק'ענען א הלכה לאמיתה של תורה, ווערט זיין שכל געבונדן מיט מחשבתו של הקב"ה אויף'ן שטארקסטן אופן וואס איז נאר שייך. און ווען א איד איז געבונדן צו מחשבתו של הקב"ה, איז ער אויטאמאטיש געקניפט און געבונדן מיט'ן אויבערשטן אליין.

לאמיר זיך פארשטעלן, א איד וואס לערנט די משנה "שור שנגח את הפרה", וואס איז עוסק אין א פאל וואס צוויי בהמות שטויסן זיך, און ער טראכט אריין אז די תורה הקדושה באשטימט אז דער בעל השור דארף צאלן אזויפיל און אזויפיל פאר'ן בעל הפרה, ווייל אזוי האט כביכול מחשבתו של הקב"ה באשטימט, ווערט ער יעצט מחובר צום אויבערשטן דורך דער תורה הקדושה. געוויסע הלכות, בפרט אין דיני ממונות, קען דער "שכל אנושי" אויך פארשטיין אז אין אזא פאל דארף אזוי זיין דער דין, אבער פונדעסטוועגן ווייסט ער בשעת'ן לערנען אז **נישט "זיין" שכל איז קובע** **דעם דין, נאר דער "שכל אלוקי" איז קובע**, און דערפאר ווערט ער איינס מיט דער תורה הקדושה, און ער ווערט בטל צום "שכל העליון". [זע תוספת נופך אות א'].

ווער עס לערנט די תורה הקדושה מיט אזא צוגאנג, וויסנדיג אז יעדעס ווארט תורה איז ווי א שטימע וואס כביכול דער אויבערשטער שרייט ארויס, "דאס וויל איך!" ווערט אויטאמאטיש זיין ביז יעצטיגער "שכל אנושי" צעגאנגען קעגן דעם "שכל אלוקי". זיין שכל ארבעט זיך ארויף צו זען די גאנצע וועלט מיט א העכערן געטליכן בליק, ווייל זיין מחשבה ווערט ממש ווי איינס מיט דער מחשבה פונעם הייליגן באשעפער, דורך דער מורא'דיגער ליכטיגקייט וואס ליגט אין דער תורה הקדושה (עיין מהר"ל נתיבות עולם נתיב התורה פרק א', ועוד).

ג

# די תורה הקדושה ברעכט גשמיות'דיגע גרעניצן

### מתן תורה ברענגט דעם אור פון ביטול אויף דער וועלט

ווי נאר עס האט אויפגעשיינט אויף דער וועלט די הייליגע ליכטיגקייט פון דער תורה הקדושה, מחשבתו של הקב"ה, איז געשען די גרעסטע מציאות פון "ביטול". די גאנצע טבע הבריאה איז בטל געווארן פון דער מציאות קעגן דעם מורא'דיגן אור פון דער תורה הקדושה, וואס האט באלויכטן די וועלט מיט דער הייליגקייט פונעם אויבערשטן אליין, ביז די טבע איז פון זיך אליין צעגאנגען, און עס האט געהערשט נאר א העכערער כוח פון אלוקות וואס איז איבער דער גאנצער טבע.

דערפאר שטייט אין מדרש (במדבר רבה ז, ז) אז בשעת קבלת התורה זענען אלע קראנקע אויסגעהיילט געווארן. אזוי ווייט, אז חז"ל זאגן (ע"ז ה.) אז ס'איז בטל געווארן "מיתה" פון דער וועלט. עס איז צוריק געווארן א וועלט ווי איידער'ן חטא פון אדם הראשון, און עס איז נישט געווען מער די גזירה אז מ'דארף שטארבן זיך אפצושאקלען פונעם גשמיות'דיגן גוף, ווייל מ'איז געווארן אנגעבונדן אין דעם "חיי הנצח" פון דער נשמה, וואס איז א שטיק רוחניות און ענדיגט זיך קיינמאל נישט.

מיט דעם קענען מיר פארשטיין וואס דער מדרש זאגט (דברים רבה ב, ל): ממתן תורה זכו ישראל לקרות שמע – די אידן האבן זוכה געווען צו קריאת שמע פון מתן תורה, ווייל קריאת שמע איז די גרעסטע דרגה פון ביטול. **ווען מיר זאגן "ה' אחד", זענען מיר ממליך דעם אויבערשטן אויף אלע זיבן הימלען, אויף דער ערד, אויף אלע פיר זייטן פון דער וועלט**. מיט דעם שרייען מיר אויס אז אלעס וואס עקזיסטירט נאר סיי וואו, איז בטל ומבוטל צום איינציגן באשעפער, און נאר ער אליין געוועלטיגט אויף אלעס.

> **ווער עס לערנט די תורה הקדושה וויסנדיג אז יעדעס ווארט תורה איז ווי א שטימע וואס כביכול דער אויבערשטער שרייט ארויס, "דאס וויל איך!" ווערט אויטאמאטיש זיין ביז יעצטיגער "שכל אנושי" צעגאנגען קעגן דעם "שכל אלוקי".**

פון וואו האבן די אידן באקומען דעם אויסטערלישן כוח פון "ביטול"? זאגט דער מדרש אז פון מתן תורה. ווייל דעמאלט האט זיך די גאנצע בריאה אפגעשטעלט, און אלעס איז בטל געווארן נאר צום איינציגן באשעפער. ביי מתן תורה האט ער געגעבן פאר כלל ישראל די אויסטערלישע מתנה צו קענען לעבן מיט אזא מין מורא'דיגן ביטול צום אויבערשטן, עד כדי כך אז עס זאל נישט עקזיסטירן קיין שום "דרך הטבע" בכלל, נאר אלעס זאל זיין ווי דער אמת איז: א שטיק אלוקות (ראה במדרש שמו"ר פכ"ט).

נאך מתן תורה האט דער שטן נישט געקענט צוקוקן ווי כלל ישראל שטייט אין אזא הויכער מדריגה, און ער האט אנגעוואנדן אלע זיינע כוחות צוצופירן צום חטא העגל, דורך וואס עס איז צוגענומען געווארן פון כלל ישראל די מורא'דיגע ליכטיגקייט וואס זיי האבן באקומען ביים בארג סיני, און דעמאלט איז צוריקגעקומען די גאנצע טבע הבריאה ווי איידער מתן תורה.

פונדעסטוועגן אבער איז די מורא'דיגע ליכטיגקייט פון מתן תורה נישט אינגאנצן צוגענומען געווארן פון די אידן, נאר דער אויבערשטער האט דאס באהאלטן אין דער תורה הקדושה, און ווען א איד איז זיך באמת מדבק צו דער תורה הקדושה קען ער צוריק זוכה זיין צו דער מורא'דיגער מדריגה פון "ביטול" ביי מתן תורה, ממש צו ווערן בטל מן המציאות קעגן דער געטליכקייט פונעם רבונו של עולם.

## די תורה ווארפט אראפ גשמיות'דיגע באגרעניצונגען

יעצט קענען מיר פארשטיין אז דער גרעסטער ביטול צום "שכל אלוקי" קומט דורכדעם וואס דער איד איז זיך מדבק אין דער תורה הקדושה, ער לערנט תורה ווייל ער וויל פילן א נאנטקייט צום אויבערשטן. ווען א איד מאכט אויף א חומש און לערנט א פסוק חומש ווייל ער וויל זיין

## תוספת נופך

א] עס איז כדאי אראפצוברענגען דאס הייליגע לשון פונעם תניא, וואו ער איז דאס מסביר בטוב טעם ודעת אין פרק ה', וזל"ק:

"כְּשֶׁאָדָם מֵבִין וּמַשִּׂיג אֵיזוֹ הֲלָכָה בַּמִּשְׁנָה אוֹ בַּגְּמָרָא לַאֲשׁוּרָהּ עַל בֻּרְיָהּ הֲרֵי שִׂכְלוֹ תּוֹפֵס וּמַקִּיף אוֹתָהּ וְגַם שִׂכְלוֹ מְלֻבָּשׁ בָּהּ בְּאוֹתָהּ שָׁעָה וְהִנֵּה הֲלָכָה זוֹ הִיא חָכְמָתוֹ וּרְצוֹנוֹ שֶׁל הקב"ה שֶׁעָלָה בִרְצוֹנוֹ שֶׁכְּשֶׁיִּטְעֹן רְאוּבֵן כָּךְ וְכָךְ דֶּרֶךְ מָשָׁל, וְשִׁמְעוֹן כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה הַפְּסָק בֵּינֵיהֶם כָּךְ וְכָךְ, וְאַף אִם לֹא הָיָה וְלֹא יִהְיֶה הַדָּבָר הַזֶּה לְעוֹלָם לָבֹא לַמִּשְׁפָּט עַל טַעֲנוֹת וּתְבִיעוֹת אֵלּוּ מִכָּל מָקוֹם מֵאַחַר שֶׁכָּךְ עָלָה בִּרְצוֹנוֹ וְחָכְמָתוֹ שֶׁל הקב"ה שֶׁאִם יִטְעֹן זֶה כָּךְ וְזֶה כָּךְ יִהְיֶה הַפְּסָק כָּךְ הֲרֵי כְּשֶׁאָדָם יוֹדֵעַ וּמַשִּׂיג בְּשִׂכְלוֹ פְּסָק זֶה כַּהֲלָכָה הָעֲרוּכָה בַּמִּשְׁנָה אוֹ גְּמָרָא אוֹ פּוֹסְקִים הֲרֵי זֶה מַשִּׂיג וְתוֹפֵס וּמַקִּיף בְּשִׂכְלוֹ רְצוֹנוֹ וְחָכְמָתוֹ שֶׁל הקב"ה דְּלֵית מַחְשָׁבָה תְּפִיסָא בֵּהּ וְלֹא בִּרְצוֹנוֹ וְחָכְמָתוֹ כִּי אִם בְּהִתְלַבְּשׁוּתָם בַּהֲלָכוֹת הָעֲרוּכוֹת לְפָנֵינוּ וְגַם שִׂכְלוֹ מְלֻבָּשׁ בָּהֶם וְהוּא יִחוּד נִפְלָא שֶׁאֵין יִחוּד כָּמוֹהוּ וְלֹא כְּעֶרְכּוֹ נִמְצָא כְּלָל בְּגַשְׁמִיּוּת לִהְיוֹת לַאֲחָדִים וּמְיֻחָדִים מַמָּשׁ מִכָּל צַד וּפִנָּה".

ווי אויך איז כדאי אראפצוברענגען דאס הערליכע לשון פונעם הייליגן בני יששכר אין זיין ספר אגרא דכלה (פרשת בא ד"ה ד"א ויאמר):

"וְתִתְבּוֹנֵן עוֹד הש"י הוּא וּרְצוֹנוֹ וְדַעְתּוֹ וְחָכְמָתוֹ אֶחָד, אִם כֵּן כְּמוֹ שֶׁאֵין סוֹף לִמְצִיאוּתוֹ כְּמוֹ כֵן אֵין סוֹף לְחָכְמָתוֹ כִּי הוּא וְחָכְמָתוֹ וּרְצוֹנוֹ אֶחָד, וְעַל יְדֵי הַתּוֹרָה כְּשֶׁלּוֹמְדִים אֵיזֶה הֲלָכָה בַּתּוֹרָה וּמִתְבּוֹנְנִים בָּהּ שֶׁהַדִּין הוּא כָּךְ אִם כֵּן מַשִּׂיגִים רְצוֹנוֹ, כִּי הַדִּין וְהַפְּסָק הַזֶּה הוּא רְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ שֶׁרָצָה שֶׁכָּךְ יִהְיֶה הַפְּסָק, אִם כֵּן כִּבְיָכוֹל מְקַבְּלִים אֲנַחְנוּ אֶת רְצוֹנוֹ בְּמָקוֹם, הָבֵן הַדָּבָר".

ב] דאס אז ווען מ'לערנט און מ'איז זיך באמת מדבק אין דער תורה קען מען זיך דערהייבן למעלה מן הטבע, און אז דורכדעם האבן די צדיקים א כוח מבטל צו זיין גזירות, איז א יסוד מוסד אין דברי חז"ל און אין די ספרים הקדושים. מיר וועלן נאר אראפברענגען עטליכע פון זיי אלס א טעימה קלה.

קודם וועלן מיר אראפברענגן דאס מורא'דיגע לשון הזוהר הקדוש אין פרשת פנחס [רע"מ] רט"ז (איבערגעזעצט אין לשון קודש):

בּוֹא וּרְאֵה, כָּל בְּרִיּוֹת הָעוֹלָם, קֹדֶם שֶׁנִּתְּנָה הַתּוֹרָה לְיִשְׂרָאֵל, הָיוּ תְּלוּיִים בְּמַזָּל, וַאֲפִלּוּ עַל בְּנֵי חַיֵּי וּמְזוֹנֵי. אַךְ לְאַחַר שֶׁנִּתְּנָה הַתּוֹרָה לְיִשְׂרָאֵל, יָצְאוּ מִתַּחַת מֶמְשֶׁלֶת הַכּוֹכָבִים וְהַמַּזָּלוֹת וְכוּ'... וּבִזְכוּת זֶה, כָּל הָעוֹסֵק בַּתּוֹרָה יוֹצֵא מִתַּחַת מֶמְשֶׁלֶת הַכּוֹכָבִים וְהַמַּזָּלוֹת.

און דאס איז דאס לשון פון דעם הייליגן מהר"ל אין זיין ספר 'דרך חיים' אויף מסכת אבות (פרק ג' משנה ה'):

"הָעוֹסֵק בַּתּוֹרָה הוּא מִתְעַלֶּה, וּמִפְּנֵי שֶׁהוּא מִתְעַלֶּה מַדְרֵגָתוֹ לְמַעְלָה מִמַּדְרֵגַת הַטֶּבַע שֶׁהוּא הַנְהָגַת הָעוֹלָם וְכֵן הַהַנְהָגָה הָאֱנוֹשִׁית הַבִּלְתִּי טִבְעִית עַד שֶׁהוּא בֶּן חוֹרִין וְכוּ'".

דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע ברענגט כמה פעמים אז דער כוח פון צדיקים מבטל צו זיין גזירות און פועל'ן ישועות פאר אידן קומט דורך זייער דביקות אין תורה.

וזה לשון קדשו אין פרשת כי תצא (ד"ה כי יקרא קן צפור):

"הִנֵּה הַשי"ת ב"ה בָּרָא וְעָשָׂה אֶת עוֹלָמוֹ וְעוֹשֶׂה בוֹ כִּרְצוֹנוֹ וּלְעֻמַּת זֶה בָּרָא הַשי"ת הַצַּדִּיק שֶׁיָּכוֹל לְבַטֵּל גְּזֵרוֹתָיו, וְהִנֵּה אֵיךְ אֶפְשָׁרִי שֶׁיְּבַטֵּל הַגְּזֵרוֹת שֶׁכְּבָר נִגְזְרוּ בַּשָּׁמַיִם בְּעוֹלָמוֹת עֶלְיוֹנִים. אַךְ הוּא כַּאֲשֶׁר כָּתַבְנוּ כַּמָּה פְּעָמִים 'בִּדְבַר ה' שָׁמַיִם נַעֲשׂוּ' (תהלים, לג ו) דְּהַיְנוּ הַצַּדִּיק ע"י עִסְקוֹ בַּתּוֹרָה לִשְׁמָהּ וּמְחַדֵּשׁ בָּהּ חִדּוּשִׁים נַעֲשׂוּ שָׁמַיִם חֲדָשִׁים וְעוֹשֶׂה מַעֲשֵׂה בְּרֵאשִׁית וְנִמְצָא מִמֵּילָא הַגְּזֵרוֹת בְּטֵלִין שֶׁלֹּא הָיוּ בְּאוֹתָן הָעוֹלָמוֹת שֶׁנִּבְרְאוּ מֵחָדָשׁ".

ועי"ע בספר הקדוש 'עבודת ישראל', ליקוטים ד"ה כי כאשר השמים; 'זרע קודש' לראש השנה ד"ה בחודש, ועוד רבות.

**ווי נאר עס האט אויפגעשיינט אויף דער וועלט די הייליגע ליכטיגקייט פון דער תורה הקדושה, מחשבתו של הקב"ה, איז געשען די גרעסטע מציאות פון "ביטול".**

באהאפטן אין "מחשבתו של הקב"ה", איז דאס דער בעסטער וועג מבטל צו זיין דעם "שכל אנושי", וואס איז אזוי ווייט פון געטליכקייט, און אנשטאט דעם באקומען א "שכל אלוקי", אז זיין שכל זאל זיך אנהייבן צו פילן נענטער צום הייליגן באשעפער.

ווי מער א איד פלאגט זיך אויף תורה, ער לייגט אריין זיין קאפ צו פארשטיין פינקטליכער נאך א סברא אין גמרא, ווייל ער וויל וויסן וואס דער אויבערשטער טראכט כביכול, אלץ מער לייכט ביי אים אויף די לויטערע ליכטיגקייט וואס האט אויפגעבליצט ביי מתן תורה. זיין שכל ווערט בטל צום הייליגן "שכל אלוקי", ביז ער זעט אלעס מיט א געטליכן בליק וואס איז נישט באגרעניצט מיט די כללים פונעם דרך הטבע.

דאס איז די סיבה פארוואס גרויסע צדיקים וואס האבן זיך שוין אזוי שטארק מדבק געווען אין "מחשבתו של הקב"ה" קענען פועל'ן זאכן למעלה מדרך הטבע, ווייל נאכ'ן בטל ווערן צום שכל העליון איז דער שכל מער נישט באגרעניצט צום דרך הטבע, און אפילו לויט דעם דרך הטבע קען מען גארנישט טוישן אין דעם מצב, קען מען אפילו אין דער שוועריגקייט אנערקענען דעם טיפערן פארשטאנד פונעם אויבערשטן, וואס זיין כח אלוקות איז דאך אומבאגרעניצט, און ער קען אפילו אין די שווערסטע מצבים אנטפלעקן דאס גוטס.

[זע תוספת נופך אות ב'].

## ס'גייט נישט אין איין מינוט

פארשטייט זיך אליין אז נישט יעדער איינער וואס הייבט אן צו לערנען א פסוק חומש, א משנה, א בלאט גמרא, א סימן אין שלחן ערוך, באקומט גלייך א כוח צו פראווען מופתים למעלה מדרך הטבע. דאס איז נישט קיין ארבעט וואס גייט פון איין מינוט אויף דער צווייטער, און דאס טאר אויך ח"ו נישט זיין דער ציל ביים לערנען תורה; אבער **דא ליגט באהאלטן דער שליסל וואס עפנט אויף די טיר צום "שכל העליון".**

ווי מער א איד לייגט זיך אריין דעם קאפ אין תורה, אלץ ריינער ווערט אים זיין "שכל אנושי" פון דעם נארישן מענטשליכן שכל וואס זעט בלויז א וועלט פון פיזישע הנאות, פון עסן און טרונקען, פון געניסן פון הנאות עולם הזה. די תורה הקדושה מאכט אויף די אויגן צו א וועלט פון זיך אנקניפן אינעם אמת'ן ציל, זיך מדבק צו זיין אינעם בורא כל עולמים.

און ווי מער מ'איז באהאפטן צום אויבערשטן, איז שוין דאס לעבן אויף דער וועלט אינגאנצן אנדערש, אפילו מ'איז נאך דערווייל געבונדן אינעם דרך הטבע, ווייל מ'זעט שוין אסאך מער איין אז דעם אויבערשטנ'ס געטליכקייט פילט אן די גאנצע וועלט. דאס ברענגט צו אז מ'זאל זיך וועלן מער און מער מדבק זיין אין אים, און מיט דעם ערפילט מען דעם אויבערשטנ'ס רצון אויף'ן העכסטן פארנעם וואס איז שייך פאר א בשר ודם.

# חסיד'יש געערדט...

תמצית החידושים ומושגים בחסידות שלמדנו במאמר זו

- **די תורה איז כביכול דער "בלו-פרינט" פונעם אויבערשטן וויאזוי די וועלט דארף אנגיין.**
- עס איז נישט שייך מיר זאלן באשטימען וויאזוי די וועלט דארף זיך פירן, פונקט ווי אן ארבעטער קען נישט אליין באשליסן וויאזוי צו בויען.
- **ביי מתן תורה איז די גאנצע בריאה בטל געווארן צו דער גרויסער ליכטיגקייט פון דער תורה הקדושה.**
- דער געוועלדיגער אור התורה איז טאקע אוועקגענומען געווארן ביים חטא העגל, אבער מען קען זיך נאך אלץ מדבק זיין דערין.
- **דער וועג וויאזוי ארויפצוארבעטן דעם שכל אלוקי' איז עוסק צו זיין אין תורה מיט א רצון צו דערגיין וואס עס איז דער רצון ה'.**
- ווען א איד לערנט תורה מקיים צו זיין דעם רצון הבורא, ווערט ער איינס מיט דער מחשבה פון דעם אויבערשטן כביכול.
- **גרויסע צדיקים קענען מיט'ן כוח התורה טון זאכן למעלה מדרך הטבע, ווייל די תורה איז דער שכל אלוקי' וואס איז העכער פון דער טבע.**

ארויסגעגעבן דורך
**מכון שפ"ה ברורה**
פאר הערות והארות, אדער צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל

ביטע שיקט אן אימעיל צו:
beheichala@gmail.com

ההפצה ב'בארא פארק'
נתנדב ע"י ידידינו העומד תמיד לימיננו
מו"ה **אליעזר דוד חיימאוויטש** הי"ו